## בײם פײער

חודש זשורנאל פאר שײנער ליטעראטור
ערשײנט אין פילאדעלפיע יעדען חודש

פרײז 25 סענט א קאפּיע

אבאנענמענט:

יערליך $2 50　　האלב-יערליך $1.25

אלע מאנוסקריפּטען און ביכער פאר רעצענזיעס
זאל מען זיך ווענדען אין רעדאקציע

מאנוסקריפּטען ווערען ניט צוריקגעשיקט

**BAM FAIER**

A Literary Monthly

421 S. 6th Street　　Philadelphia, Pa.

20



## ל. מאלאמוט

לערער פון פיאנא,
ענגלישע קאנצערטינא
טעהאריע פון מיזיק

האדמאניע, קאנטער פוינט און ז. וו.

נעמט אויך אן אײנלאדונגען אויף קאנצערטען

**STUDIO**

3129 Page St.　　Philadelphia

אלערלײ פארזיכערונגען ווערען געמאכט
דורך

## ב. בערקאוויטש

אינשורענס אגענט

343 סנײדער עווע.　　פילאדעלפיא

B. BERKOVICH

Insurance Broker

343 Snyder Ave.　　Philadelphia

די אידישע יונגענד פארן אידישען פאלק

## פרײהײט באַלל

און לעבעדיגע בילדער

ארראנזשירט דורך דעם בעוואוסטען סקולפּטאר

**א. פארטנאוו**

פרײטאג, דעם 10טען דעצעמבער

אין מוירקענטיל האלל
בראָד און מעסטער סטריטס

ווערט געגעבען פון אלע פאלקס שולען
אין פילאדעלפיע

## ערשט ערשינען

דאס גרויסע ווערק פון דײטשען דיכטער

**וו. געטהא**

# פאוסט

איבערזעצט פון קופערמאן

אין 2 בענד, דע לוקס מיט גאלד שריפט

ארויסגעגעבען פון

## מאלערמאַן'ס

ליטעראַרישע פאבלישינג קא.

404 ס. 5טע סטריט　　פילאדעלפיא

צו בעקומען בײ אלע בוכהענדלער


1920

# בײם פײער


א חודש זשורנאל פאר שײנער ליטעראטור

רעדאקטירט פון ז. ווײנפער


אינהאלט:


י. גלאטשטײן
מלך ראוויטש
בערטע קלינג
שרה קינדמאן
ל. כאנוקאוו
א. צ. גרינבערג
ז. ווײנפער
ל. מילער
ש. ליעוו
א. לוצקי
מנחם
מאטעל י.
יעקב מעסטעל
ס. ל. האלפערן
נחום י.
ח. געלבום
ביבליאגראפיע
צײכענונגען
פון חודש צו חודש



נומער 3-4　　נאוועמבער-דעצעמבער　　1-טער יאָר


יעקב גלאטשטײן

[קיגן ניגרין]

## שאַטענס

כ'האב זיך די לעצטע צײט מתקנא געווען אין א פאר קאלעגען שרײבער. וואס האבען צוריק באַנײט די אלטע, כמעט אפּגעלעבטע פארם פון דעם ליטעראַרישען פעליטאָן. ניט ווילענדיג זײנען צוריק ארויפגעשוואומען אויפ'ן זכרון די רשי־אותי'עלאך אונטער א לאנגען שבת'דיגען פעליטאָן „אורח לשבת" אין הצפירה און די קלוגע מאמר'יסטיק פון פרישמאנ'ס פעליטאָנישע ווײזהײטען וועגען אלעמען.

דער ליטעראַרישער פעליטאָן איז אינגאנצען אן אײראָפּײאישע סחורה, כמעט א פאריזער ארטיקעל. ס'איז דאַ די לײכטקײט, די גראציע, דאס אויבענאויפיגע, דאס ניט פארשווענדען קײן איבריגע ענערגיע, דאס קלוגע, דאס חן'עוורדיגע פון פאריז. ווײל מיר ווערט מען אמאָל פון קאבינעט באטראכטונגען וועגען קונסט, פון קנײטשען דעם שטערן, פון דרײען מיט'ן פינגער איבער דער שווערער ליטעראטור מסכתא פון פרעמדע, נאכאלעמען ווערט איבערדריסיג דער יונגערמאנטשיק, וואס מאכט קאַריערע פון מפרש זײן, פאפולאריזירען קונסט, — דאס ביליגע אגענטעל צווישען „אונז" קינסטלער און צווישען „זײ" די לעזער. דער מעקלער, דער שדכן מיט די ברילען און מיט די קנײטשען אויפ'ן שטערן. (כדי די ליבע לעזער זאלען נאך חלילה ניט טרעפען, אז כ'מײן ניגער'ן, אײל איך זיך צו זאגען, אז כ'מײן אים טאקי). נאכאלעמען, זאג איך, איז טאקע

וויכטיגער דער שיחת חולין פון קינסטלער ווענען קונסט, פון פאך־לייט ווענען אייגען פאך, זייער שפאס ווענען זיך אליין, ווי דער ערנסטער אנשטעל פון דעם נים־קינסטלער, פון דעם אויסטייטשער.

אשאד נאר, וואס דא אין אמעריקא האט מען זיך פארביטען מיט די ראליעס, און נים מען שרייבט פעליטאנען און נים מען שרייבט ליטעראריש, נאר גלאט אזוי שווערע עברי ווענען ליטעראטור. און ס'ביינקט זיך נאר דעם לייב־טען שאקעל־שטול פעליטאן פון אייראפא'ס חדר, ווארום וויסען דארפט איהר. אז די וועלט האלט פונקט ווי ביי א קוילען קריזים אויף ביי א געדאנקען קרי־זים ס'שעפען זיך אוים אלע וויכטיגע געדאנקען. ס'איז פשוט א רחמנות אויף אונזערע קריטיקער, וואס פיקעווען אן אן ארטיקעל מיט א מאסע געדאנקען אויף אמאל. וואס וועלען זיי טאן, ווען די 66 אריגינעלע, לאמיר צוגעבען, געדאנקען. וואס ס'איז זיי באשערט צו זאגען וועלען זיך אויסשעפען ? מען דארף פשוט איצט ארויסגיין אין די גאסען מיט איין מאטא — ג ע ד א נ ק ע ן ־ ע ק ס א ־ נ א מ י ע . לאמיר אנהויבען זשאלעווען געדאנקען. אונזער איינציגע רעטונג איז ווידעראמאל דער ליטעראדישער פעליטאן. איין געדאנק פאר אן ארטיקעל אדער אפילו איין געדאנק אין פארטזעצונגען איז איבער גענוג. ס'לוינט זאך מער נים אנצושטריינגען ווי ארויסצוזאגען איין אריגינעלען געדאנק און דער געדאנק ווערט מיט סטיליסטישע מיטלען אויפגעשאירט ווי מיט הייוועז. ארומגע־צירט מיט קינסטלערישע צאצקעס לייכט צו פארדייהען.

דער ליטעראַרישער פעליטאן איז איינענטליך דער מין שטאף. ווי דער ו י א ז ו י ווערט וויכטיגער ווי דער ו ו א ס — אנשטאט א וואס קרינט דער לעזער א וועבעל אדער א שאטען פון א וואס און ס'איז אנגענעם פאר אי־בערמידע מענשען מיט ציגארען־רויך אוועקצושאקלען אזא מין ארטיקעל, וויסענ־דיג, אז אין אונזערע געדערים קומט מער נים אריין. ווי א י י ן געדאנק סער־ווירט אויף גאלדענע טעלער מיט בריליאנטענע לעפעל. טאקי א קליין מכה'לע אויף א גרויסען טעלער נאר סערווירט זאל שם זיין פון א דינע, גראציעזע בקאנ־דע שיקסע, דוקא מיט מאנעקירטע נעגעל און אלע אנדערע פלימעולאך. נאכ־אלעמען ווערט דערעסען קונסט אליין, ווען מען כליאפעט דארין ווי א פויער און מען טרינקט זיך איבער'ן האלז.

אט האב איך דא נים לאנג געזען א פארשטעלונג אין קונסט־טעאטער פון „גאט פון נקמה" מיט דעם וואונדערבארען שילדקרויטען אין דער הויפט ראַ־לע און ס'איז מיר נאר'נים אזוי געפעלען אין דער פיעסע ווי א שאטען.

הערט און שמייכט :

אין לעצטען אקט שטייט יאנקעל שאפשאוויטש'ס ווייב און טענה'ט אריין אונטער די קוליסען צו איהר פארווידטען מאן, אלמאי זיצט ער ווי א גולם און העלפט נים איבערצוקלייבען די טאכטער. און מיר אינטעליגענטע מענשען ווייסען דאך, אז אונטער די קוליסען זיינען דא ברעטער און מער קיין שטוב. ווי די וואס מיר זען אויף דער בינע איז נימא. ניין אבער. א ו י ף ד ע ר ט י ר ה א ט ד א ס מ א ל געציטערט א ש א ט ע ן פ ו ן א מ ע נ ש א י ן א ז י צ ע נ ד י ג ע ר פ א ז י צ י ע — אזוי, אז מיר אלע האבען געמוזט גלייבען. פאר אונז איז באשאפען געווארען א פאלשטענדיגע אילוזיע און אלץ מיט דער הילף פון א ש א ט ע ן . דאס איז לויט מיין מיינונג געווען דאס וויכטיגסטע אין דער רעזשי פון דער פיעסע — דער איינער שאטען אויף דער טיר.



מיר זיינען שוין מיד פון קונסט אליין, מיר ווילען שוין אפטמאל נים מער ווי דעם שאטען פון קונסט. מיר ווילען שוין מער נים געשוואלענע אר־טיקלען ווענען ליטעראטור, מיר ווילען שאטענדיגע. שפינוועבסדיגע. לייכטע גראציעזע.

לאמיר צוריק אויפלעבען דעם ליטעראַרישען פעליטאן.

---

מלך ראוויטש

## סטאַיקערס ליד

און אייד'ער איך האָב נאָך די וועלט פארמאַגט,
האָב איך פון איר מ'ין שוין אָבגעזאָגט.
פאר יענע וואָס לעכצען צו איר, מיין פריינד.

און כ'גיי מיט די הענד אַן די זייטען געשפארט,
און ווייס, אז איינס איז, וואָס אויף מיר ווארט ;
אלט ווי די גאנצע וועלט ; דער טויט — מיין פריינד.

כ'האָב א בעט, וואָס צום שטארבען גענוג איז עס ברייט,
און א קבר פון הע‌לישען פייער איז גרייט ;
דערוויייל אָבער לעב איך אין טאָג אריין, פריינד.

און גלייך אזוי גיי איך, און ווענד נישט מיין בליק,
און פון אלע ברונעמס ביים ברעג טרינק איך גליק.
פון גאָלדענעם בעכער רו, מיין פריינד.

## און נור נעלעכטער

זאָג מיר פארוואָס איז דאָס לעבען אזוי ;
דאָס גליק איז האלב און דאָס אומגליק האלב,
עס פאלט דער בעכער מיט קוואל-וואסער גלי
אוים דער האנד,
אין סאמע מיטען דורשטיגען קוש ;
און גלייך אזוי פאלט דער בעכער מיט גיפט.

און זאָג מיר פארוואָס איז דער טרוים אזוי גרוים,
פליט ער ארוים ווי צו-מאָרגענס די שוואלב —
(דאָס גליק איז האלב און דאָס אומגליק האלב)
און די שוואלב ווערט דורשטיג, און לאָזט זיך אראָפ,
און שוועבט אנידער טיפער און טיפער.

און אויך טויט איז טרוים און אויך טרוים איז האלב.